**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/30/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנערקענט געווינער פון די 2023 מילכיגע פראדוקטן פארמעסט

***יערליכע טראדיציע שטעלט ארויס ערשט-קלאסיגע מילכיגע פראדוקטן אין ניו יארק סטעיט***

***Stewart's Shops באעהרט מיט גאלד פאר בעסטע פליסיגע מילך, Upstate Farms Buffalo פארדינט זילבער***

***אייז קרעם געאפפערט אלץ א קאטעגאריע צום ערשטן מאל היי יאר, Stewart's ברענגט אהיים גאלד פאר שאקאלאד און פלעיווערד אייז קרעם, Mikey Dubb's Frozen Custard פארדינט זיך גאלד פאר וואנילע***

***Four Fat Fowl אויסדערוועהלט 'גרענד טשעמפיאן' פאר איר סעינט סטעפען קעז***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די געווינער פון די 2023 מילכיגע פראדוקטן פארמעסט. Stewart's Shops איז באעהרט געווארן מיט גאלד אלץ די סטעיט'ס מילך וואס האט באקומען די העכסטע צייכן, און Upstate Farms Buffalo האט זיך פארדינט די זילבער פלאץ. די היי-יאריגע פארמעסט האט אויך אריינגערעכנט אייז קרעם אלץ א קאטעגאריע צום ערשטן מאל, מיט Stewart's אהיימברענגענדיג די גאלד פאר די בעסטע שאקאלאד אייז קרעם און בעסטע פלעיווערד אייז קרעם, און Mikey Dubb's Frozen Custard פון ניו ראָושעל זיך פארדינענדיג גאלד פאר איר וואנילע. אין צוגאב איז Four Fat Fowl Creamery אויסדערוועהלט געווארן 'גרענד טשעמפיאן' פאר איר סעינט סטעפען קעז. א פולע ליסטע פון די 2023 מילכיגע פראדוקטן פארמעסט געווינער איז פארעפנטליכט [דא](#).

"קומענדיג פון א פאמיליע פון מילכיגס פארמער אין אירלאנד, בין איך איבערגעגעבן צו פארזעצן אונזער היסטארישע שטיצע פאר ניו יארק'ס מילכיגס פראדוצירער און פראצעסירער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער מילכיגע פראדוקטן זענען פון די בעסטע אין די וועלט, און די געווינער זענען עדות צו אונזער סטעיט — איך מוטיג אלע ניו יארקער צו געניסן פון די געשמאקע אויסגעצייכנטע פראדוקטן."

די מילכיגע פראדוקטן פארמעסט פייערט ניו יארק'ס מילכיגס אינדוסטריע און אירע בעסטע מילכיגס פראדוצירער און פראצעסירער פון אריבער די סטעיט מיט גאלד אדער זילבער אויסצייכענונגען אדער מיט א באעהרונג פון אויסצייכנטקייט. היי יאר זענען 197 פראדוקטן אריינגעגאנגען אין די פארמעסט אונטער 26 קאטעגאריעס, אריינרעכענענדיג פליסיגע מילך, פארשידענע סארטן קעזן, זויער קרעם, יאגורט, דיפס, קאַטעדזש קעז און צום ערשטן מאל — אייז קרעם.

אנדערע מערקווירדיגע פראדוקטן פון די פארמעסט רעכענען אריין:

- Stewart's Processing האט אויך אהיים גענומען גאלד אין די פלעיווערד מילך קאטעגאריע, און Dygert Farms פון פּעלעטין ברידזש האט געוואונען גאלד אין די שאקאלאד מילך קאטעגאריע.
- Weissmann Farms פון ראַסקאָו האט געווינען גאלד אין די קליינע פליסיגע מילך פראצעסירער קאטעגאריע.
- HP Hood (ארקפּארט, ווערנאן און לאפארדזשעוויל פאבריקן) האבן זיך פארדינט די מערסטע מעדאלן אלע צוזאמען מיט א סך הכל פון 14. זיי האבן באקומען גאלד אין די פול-פעט, לאָו-פעט און פעט-פרי קאַטעדזש קעז קאטעגאריעס און אזוי אויך אין די זויער קרעם, פוטער מילך, מילכיגע דיפּס און פלעין יאגורט קאטעגאריעס.
- Great Lakes Cheese פון עדעמס האט געווינען גאלד פאר איר טשעדער, פארעלטערטע טשעדער און "סופּער" פארעלטערטע טשעדער, זיך פארדינענדיג א סך הכל פון אכט מעדאלן — אנקומענדיג צו די צווייט-העכסטע אין אלגעמיין אין די פארמעסט.

קעז קאטעגאריעס זענען אפגעשאצט געווארן דורך 13 עקספערט ריכטער, אריינרעכענענדיג עטליכע פארשטייער פון די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ( Department of Agriculture and Markets), קארנעל אוניווערסיטעט און סטיוו פּאָנק פון Nelson Jameson. היי יאראיז די הויפט ריכטערין געווען וואלערי קעטלין פון די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס'ס דיוויזיע פאר מילך קאנטראל. קארנעל אוניווערסיטעט קאלעדזש פון אגריקולטור און ביאלאגישע וויסנשאפט'ס מילך קוואליטעט פארבעסערונג פראגראם איז געווען די ריכטער פאר די פליסיגע מילך און אייז קרעם חלקים פון די פארמעסט.

די געווינער פון די היי-יאריגע פארמעסט וועלן באעהרט ווערן, ווי די טראדיציע איז, דורכאויס א ספעציעלע באעהרונגען צערעמאניע אויף 'מילכיגס טאג' ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, און א ווידעאו פרעזענטאציע פארשטעלנדיג אלע אויסגעצייכנטע פראדוקטן פון די 2023 מילכיגע פראדוקטן פארמעסט וועט אויפגעשפילט ווערן אין די מילכיגע פראדוקטן געביידע. 'מילכיגס טאג' קומט פאר דאנערשטאג, אוגוסט 31 און רעכנט אריין מילך טעיסטינג און א מילקשעיק פארמעסט, א מילכיגס טאג פאראדע ארום Chevy Court און מער.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור און מארקעטס קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "אלץ די סטעיט'ס הויפט אגריקולטורישע אינדוסטריע, איז נישטא קיין ספק אז ניו יארקע מילכיגס איז עפעס ספעציעל. פון אויסגעצייכנטע מילך ביז האנט געמאכטע קעז און אלעס אין צווישן, איז ניו יארק סטעיט א היים צו פילע פון די בעסטע מילכיגע פראדוקטן אין די וועלט. די יערליכע טראדיציע גיבט אונז די געלעגנהייט צו ארויסווייזן די בעסטע וואס אונזערע שווער-ארבעטנדע מילכיגס פארמער און פראצעסירער האבן צו אפפערן. איך וויל גראטולירן אלע געווינער און באטייליגטע פאר זייער מוסטערהאפטיגע ארבעט פיטערנדיג אונזערע קאמיוניטיס און טרייבנדיג אונזער עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט פעיר דירעקטאר, שאן הענעסי, האט געזאגט,** "דא ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר קוקן מיר שטענדיג ארויס צו פארשטעלן ניו יארקע מילכיגס. נישט קיין חילוק צו איר שטעלט זיך אפ ביי די מילך באַר פאר א געשמאקע, פונקטליך גוטע קאלטע גלאז מילך אדער אויב איר פרובירט געשמאקע קעז און אייז קרעם פון פראצעסירער אריבער די סטעיט, איז דאס געניסן פון ניו יארקע מילכיגס א טראדיציע דא. איך גראטוליר אלע געווינער פון די היי-יאריגע מילכיגע פראדוקטן פארמעסט, און איך קוק ארויס צו אנערקענען אלע געווינער אויף 'מילכיגס טאג' ביי די פעיר."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָ האט געזאגט,** "מילכיגס איז זיכער א שטערן ביי די גרעיט NYS פעיר, פון די אייקאנישע פוטער סקולפטור און די מילך באַר ביז די געשמאקע מעיפּל אייז קרעם. די

באעהרונגען זענען א געלעגנהייט צו אנערקענען ניו יארק'ס ערשט-קלאסיגע מילכיגס אינדוסטריע און צו באדאנקען אלע אונזערע שווער-ארבעטנדע מילכיגס פארמער און פראדוצירער. מיינע וואונטשן פאר די געווינער און א ספעציעלע דאנק פאר די ארגאניזירער פארן אריינלייגן אייז קרעם אלץ א קאטעגאריע היי יאר."

**Stewart's Shops סיניאר וויצע פרעזידענט, טשעד קיסאו, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר באגייסטערט און באעהרט צו באקומען די באעהרונגען. זיי זאגן עדות צו די איבערגעגעבנקייט און געפיל נישט נאר פון אונזערע פעהיגע מילכיגס און אייז קרעם מאנשאפטן, נאר אויך פון אונזערע לאקאלע מילכיגס פארמער וועם מיר ווילן אנערקענען און באדאנקען פאר זייערעביישטייערונגען צו אונזער געווינס פון די באעהרונגען. מיר שטאלצירן זיך שטארק מיטן צושטעלן פאר אונזערע קליענטן פרישע און לאקאלע מילכיגע פראדוקטן א גאנץ יאר, און אונזערע קליענטן קענען פילן רואיג קויפנדיג זייער מילך און אייז קרעם פון Stewart's Shops וויסנדיג אז זיי באקומען פראדוקטן פון א הויכע קוואליטעט בשעת'ן שטיצן זייערע לאקאלע מילכיגס פארמער."

**Mikey Dubb's Frozen Custard אייגנטומער, מייקעל ווייסמאן, האט געזאגט,** "איך בין גאר שטאלץ אז Mikey Dubb's Frozen Custard איז אויסדערוועהלט געווארן אלץ די סאמע ערשטע אייז קרעם פארמעסט געוואונער פאר וואנילע אייז קרעם אויף מילכיגס טאג. אלץ א לעבנסלענגליכער ניו יארקער איז עס מיר אן עהרע צו זיין א חלק פון די בליהענדע NYS מילכיגס אינדוסטריע, און אלץ א קליינע ביזנעס אייגנטומער — א גרויסע פרייד צו אנערקענט ווערן צוזאמען מיט אלע אנדערע 2023 געווינער."

**Four Fat Fowl אפעראציעס און פינאנץ דירעקטאר, דזשאָוסי מעדיסאן, האט געזאגט,** "אלץ א פאמיליע ביזנעס וועמען'ס מיסיע איז צו מאכן קעזן וואס מיר וואלטן אליין געוואלט עסן, זענען מיר באגייסטערט אז סעינט סטעפען איז אנערקענט געווארן אלץ די 'גרענד טשעמפּיאן' און CamemBertha אלץ די זילבער געוואונער אין די האנט געמאכטע קעז קאטעגאריע. מיר זענען גאר דאנקבאר פאר אונזער שווער-ארבעטנדע מאנשאפט וואס האט געהאלפן מאכן די באעהרונג פאר א מעגליכקייט, און מיר זענען שטאלץ מיט דאס וואס מיר האבן ערגרייכט אין צען יאר פון זיין אין ביזנעס. מיר זעצן פאר צו זיין פארפליכטעט צו מאכן האנט געמאכטע קעזן פון די העכסטע קוואליטעט וועלכע ווייזן ארויס די שפע פון די האדסאן וואלי און אירע פרישע פארם באשטאנדטיילן."

**קארנעל אוניווערסיטעט'ס קאלעדזש פון אגריקולטור און ביאלאגישע וויסנשאפט ראַנעלד פּ. לינטש דיען, בענדזשעמין הולטאן, האט געזאגט,** "וואספארא צייט עס איז פאר ניו יארק'ס בליהענדע מילכיגס קאמיוניטי. אונזער עסנווארג וויסנשאפט פארברייטערונג מאנשאפט און דער מילך קוואליטעט פארבעסערונג פראגראם זענען באגייסטערט צו ארבעטן בשותפות מיט די NYS דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס צו אפשאצן די קוואליטעט, זיכערהייט און טעם פון אייקאנישע און נייע סארטן פליסיגע מילך און מילכיגע פראדוקטן. די היי-יאריגע פראדוקטן ווייזן ארויס שעפערישע ניו יארקע מילכיגע פראדוקטן פאר אלע קליענטן צו געניסן פון זיי. צוזאמען מיט אונזערע געווינער וועלכע זענען שוין בדוק ומנוסה ווי Stewart's און HP Hood, בין איך באגייסטערט צו זעהן די אנגייענדע וואוקס פון האנט געמאכטע און קליינע פראדוצירער — באזונדערס די צוגאב פון א ניו יארקע פארפרוירענע קאסטערד צווישן די געווינער!"

**די מילכיגס אינדוסטריע אין ניו יארק**

ניו יארק'ס מילכיגס אינדוסטריע איז א קריטישע אינדוסטריע פון די סטעיט'ס עקאנאמיע, און אלץ איר פירנדע אגריקולטורישע פעלד איז מילכיגס פאראנטווארטליך פאר אומגעפער האלב פון ניו יארק'ס סך הכל אגריקולטורישע איינקונפטן. ניו יארק סטעיט האט קרוב צו 3,200 מילכיגס פארמס וואס פראדוצירן איבער 15 ביליאן פונט פון מילך יעדע יאר, מאכנדיג ניו יארק פאר די לאנד'ס פיפט-גרעסטע מילכיגס

סטעיט. ניו יארק'ס אייגנארטיגע און טאלאנטפולע מילכיגס פראדוצירער און פראצעסירער מאכן באדייטנדעביישטייערונגען צו ניו יארק'ס אגריקולטור אינדוסטריע, די עקאנאמיע און די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס.

**איבער די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר**
געגרונדעט אין 1841, שטעלט די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר ארויס די בעסטע און שענסטע פון ניו יארקע אגריקולטור, עס שטעלט צו אונטערהאלטונג פון די העכסטע קוואליטעט און איז א וויכטיגע חלק פון די סטעיט'ס צענטראל ניו יארק - זיך הייבנדיג (CNY Rising) סטראטעגיע צו מאכן די צענטראל ניו יארקע עקאנאמיע וואקסן דורך טוריזם. עס איז די עלטסטע סטעיט פעיר אין די פאראייניגטע שטאטן, און די דריטע גרעסטע פעיר אין דאס לאנד. די פעיר לויפט פון אוגוסט 23 ביז סעפטעמבער 4, 2023.

די ניו יארק סטעיט פעיר שטח איז 375 אקער גרויס און איז פול מיט אויסשטעלונגען און אונטערהאלטונג וואס זענען אפן א גאנץ יאר. די פובליקום איז געמוטיגט צו לערנען מער איבער די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר דורך די אינטערנעט און צו נאכפאלגן די הנאה אויף Facebook, Twitter און Instagram. געסט זענען געלאדענט צו זעהן בילדער פון די פעיר אויף Flickr און געדאנקען ווערן שטענדיג אויפגענומען. ניו יארקער ווערן געמוטיגט צו שיקן פארשלאגן דורך אימעיל צו statefairideas@agriculture.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן